טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר המחבקים

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ח | גליון 140 | חנוכה תשפ"ה לפ"ק




## פון הימל ליידיגט מען אפ דעם דין!

**עס דערציילט המשפיע הגרמ"מ טויבנפעלד שליט"א מח"ס בפיקודיך אשיחה:**

עס האט מיר דערציילט הרה"ח מרדכי שיף שליט"א פון ירושלים עיר הקודש אן אינטערסאנטע מעשה וואס ער האט געהערט פונעם בעל המעשה זעלבסט. ער לערנט אין כולל בחברותא מיט א וויזשניצער יונגערמאן. איין טאג קומט דער חברותא אן אין כולל אינגאנצן צעפלאקערט, און מ'האט דערקענט אויף אים אז עפעס אויסערארדנטליך האט פאסירט. ר' מרדכי האט אים באלד געפרעגט, "וואס גייט פאר? וואס איז געשען מיט דיר?"

פארציילט אים זיין חברותא ווי פאלגנד: "איך וואוין אין דער 'נוה יעקב' געגנט ביים עק פון ירושלים, וואס איז היבש ווייט פונעם כולל דא אין צענטער פון ירושלים, ממילא נעם איך יעדן טאג דעם באס צו פארן פון מיין געגנט ביז'ן כולל. זייענדיג אויסגעשטעלט מיט א פונקטליכן סדר היום, אנצויאגן די סדרים אין כולל, קומט אויס אז איך פאר יעדן טאג מיט'ן זעלבן באס, זעלבן דרייווער, און מער וויניגער די זעלבע מענטשן.

"וויסנדיג אז אויף א שטאטישן באס קומען ארויף פארשידענע עלעמענטן, און עס פאדערט א היבש ביסל שמירת עינים, האב איך מיר געמאכט א גדר אז איך זעץ מיך אלעמאל אין פארנט פונעם באס אויפ'ן ערשטן זיץ הינטער'ן דרייווער. אנדערש ווי אלע אנדערע זיצן וועלכע האבן צוויי זיצן איינס נעבן אנדערן, איז דער ערשטער זיץ אן איינצלנער זיץ, אזוי דארף איך נישט זיצן נעבן קיינעם, און קיינער זיצט נישט אין פארנט פון מיר, בלויז דער דרייווער, ווי אויך ביים ארויפגיין אדער אראפגיין פון באס קום איך שנעל און גרינג אן, נישט דארפנדיג אדורכגיין דעם גאנצן באס, זוכן א פלאץ, וכדומה.

"היינט אינדערפרי קום איך ארויף אויפ'ן באס, און ווי יעדן טאג זעץ איך מיך אוועק אויפ'ן ערשטן זיץ הינטער'ן דרייווער. דער דרייווער, א פרייער איד נעבעך, שטעלט אפ דעם באס, און ער לויפט צו צו מיר און שרייט מיט התרגשות: "מה זה?! וואס איז דאס?!" איך האב נישט געהאט קיין אנונג וואס ער וויל פון מיין לעבן און וואס ער מיינט, פרעג איך אים, "איך פארשטיי נישט וואס דו מיינסט צו פרעגן, אויף וואס פרעגסטו מה זה?"

ענטפערט מיר דער דרייווער, "דו ווייסט אז יעדן טאג ממש מינוטן איידער דו קומסט ארויף אויפ'ן באס ווערט דער ערשטער זיץ פלוצלינג ליידיג; אדער איז דער וואס איז געזעצן אויפ'ן ערשטן זיץ אראפגעגאנגען איין סטאַפ פאר דיר, אדער האט זיך יענער ממש אפאר סעקונדעס צוריק בארעכנט און איז געגאנגען זיצן טיפער אריין

**זכות הדפסת הגליון**

נתנדב ע"י
הר"ר **יואל ברוין** הי"ו
זכות הגדולה תעמוד לימין הנדבן להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, וכל טוב אמן

**זכות הפצת הגליון**

נתנדב ע"י
הר"ר **יודא ארי' לאנדא** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות
זכותו הגדולה תעמוד לימין הנדבן להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, וכל טוב אמן

### תוכן הגליון

מי כעמך ישראל ... זייט 1-4
הלכות לחנוכה ... זייט 6
מכתבים למערכת ... זייט 7

# מי כעמך ישראל

אינעם באס. איך קוק דאס שוין נאך א לאנגע צייט און כ'האלט מיט ממש מעשים שבכל יום. עס קוקט אויס ווי א הימלישע זאך ספעציעל פאר דיר. האסטו דען נישט באמערקט אז דער זיץ איז יעדן טאג ליידיג פאר דיר?

"ווי אזוי ארבעט דאס?! וואס מיינט דאס?!" פירט ער אויס אינגאנצן און איבערגענומענער.

איך האב אים געענטפערט גאנץ פשוט, "איך האב נישט געוואוסט אז דאס געשעט יעדן טאג, און ס'איז מיר אויך א חידוש דאס צו הערן. איך פארשטיי אבער יא 'וויאזוי' דאס געשעט! ווייל יעדן טאג איידער איך גיי ארויס פון מיין שטוב צום באס סטאפ בעט איך א תפילה, 'רבונו של עולם, איך וויל זיך אפהיטן מיינע אויגן, בעט איך דיר, העלף מיר איך זאל נישט זיין אויסגעשטעלט צו קיין נסיונות.' ווייזט אויס אז צו זיצן אינעם ערשטן זיץ איז א תנאי צו קענען היטן די אויגן, און דער אויבערשטער העלפט מיר, דער זיץ ליידיגט זיך אפ פאר מיר!"

דער דרייווער האט נישט געגלייבט וואס ער הערט, און ער פרעגט מיך מיט וואונדער, "אזוי גייט דאס טאקע? מען דאוונט און עס העלפט?"

איך האב אים געענטפערט מיט א פעסטקייט, "יא! דער אויבערשטער הערט אויס אלע אידישע תפילות און ער העלפט זיי. בפרט אויב מ'איז מתפלל אז מ'וויל זיין ערליך און אפגעהיטן און מ'בעט אז מ'זאל קענען מקיים זיין רצון השם, העלפט דער אויבערשטער!"

דער פרייער דרייווער האט נישט געקענט קומען צו זיך. ער האט זיך אויסגעדריקט מיט מורא'דיג שעצונג ווערטער אויף ערליכע אידן און אויף תפילה צום אויבערשטן. די מעשה האט געמאכט א געוואלדיגן קידוש השם!

"פארשטייסטו פארוואס איך בין אזוי צעקאכט?" פרעגט מיר מיין חברותא, "דער סייעתא דשמיא איז דאך מורא'דיג, איך האב אליינס נישט געוואוסט וויאזוי דער אויבערשטער שטעלט מיר יעדן טאג אויס די וועג איך זאל ווערן באהיטן פון נסיונות!"

ווייל ווען א איד טוט וואס ער קען, ער וויל זיך היילגן און פירן אפגעהיטן, העלפט אים דער אויבערשטער, און נעמט אוועק אלע נסיונות און שוועריגקייטן וואס שטייען אים אין וועג!

## א סיום אין די 9' טעג אויף 1000 קליקס...

הר"ר יודל צימערמאן שליט"א, מלמד בכתה ה'. דערציילט:

די פארגאנגענע 'ניין טעג' בין איך געלאדנט געווארן צו א שיינעם סיום וואס איז אפגעראכטן געווארן דורך מיין ידיד, הרה"ג ר' מנחם מענדל גאנצפריעד שליט"א פון מאנסי, אבער אנדערש ווי געוויינליך, איז דאס נישט געווען קיין פליישיגע סיום נאר א מילכיגע... צוליב דעם וואס מ'האט נישט מסיים געווען א מסכת, נאר ער האט מסיים געווען און דערגרייכט 'טויזנט קליקס' מיט'ן ציילער!

וואס איז געווען די מעשה?! מיין חשוב'ער ידיד האט מיט א צייט צוריק גענומען אויף זיך א קבלה, אז ער וועט שטארק אכטונג געבן אויף שמירת עינים, מיט א ספעציעלן דגוש זיך צו מתגבר זיין יעדעס מאל וואס דער יצר פארלייגט זיך, ווען מ'באמערקט עפעס בטעות



אנדערש ווי געוויינליך, איז דאס נישט געווען קיין פליישיגע סיום נאר א מילכיגע... צוליב דעם וואס מ'האט נישט מסיים געווען א מסכת, נאר ער האט מסיים געווען און דערגרייכט 'טויזנט קליקס' מיט'ן ציילער!

אז מ'זאל נאר געבן נאך א בליק אויף וואס מ'האט געזען.

כדי צו אנהאלטן זיין קבלה מיט א פעסטקייט האט ער זיך איינגעהאנדלט א 'ציילער', וואס יעדעס מאל מ'דריקט דאס, גייט עס ארויף מיט איין נומער. ער האט זיך געמאכט א קביעות אז יעדעס מאל וואס ס'קומט אונטער אזא נסיון אין שמירת עינים און מ'שטארקט זיך, גיט מען א קוועטש מיט'ן ציילער.

אצינד האט ער ב"ה דערגרייכט צום נומער 1000 און לכבוד די שמחה האט ער געפראוועט א שטיקל מסיבה של מצוה מיט חברים וידידים. דארט האט ער אויך אויפגעטרעטן מיט א ווארימע דרשה איבער שמירת עינים, מיט הערליכע מעשיות און רעיונות, זיך מחזק צו זיין אינאיינעם אין דעם ענין פון הייליגע אויגן.

די אייגנארטיגע 'סיום' איז באמת געווען א דערהויבענע איבערלעבעניש, און ס'האט ארייגעבלאזן א געוואלדיגע חיזוק פאר אלע באטייליגטע. זייענדיג ב"ה א מלמד אין ת"ת האב איך דאס איבערדערציילט דעם קומענדיגן טאג פאר די קינדער אריינברענגענדיג א שטאלץ אין שמירת עינים.

~ ~ ~

ס'איז אינטערעסאנט צוצולייגן וואס מיין ידיד האט דארט דערציילט ביים 'סיום', אז די סיבה וויאזוי ער איז נתעורר געווארן צו טון אזא זאך, איז געווען ווייל ער אליין האט אויך אמאל מיטגעהאלטן אזא סארט קידוש, פון א איד וואס האט געמאכט א גרויסן קידוש אין ביהמ"ד, לכבוד דעם וואס ער האט דערגרייכט א גרויסע נומער פון 'קליקס' פון שמירת עינים.

פארציילט מיין חבר ווייטער אז ביי יענעם קידוש איז געווען אן אנדערער איד וואס האט זיך גענויטיגט אין א גאר גרויסע ישועה פאר זיין טאכטער, און הערנדיג איבער דעם שיינעם קבלה פון שמירת עינים, האט זיך אויפ'ן פלאץ געשאפן אן אקציע צווישן די מתפללים, וויפיל 'קליקס' יעדער איז גרייט צו געבן פאר די רפואה פון דאס מיידל. מ'האט טאקע שנעל געשאפן א סכום פון טויזנטער קליקס אז ס'זאל זיין לזכותה.

און ברוך ה'; ס'איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט און דאס מיידל האט ב"ה זיך גענצליך ארויסגעדרייט פון דער מחלה!

אט די געשיכטע, זאגט מיין חבר, האט אים געברענגט אזא התעוררות און דאס האט אים מאטיווירט צו אנהאלטן מיט זיין קבלה טובה, ביז ער האט דערגרייכט דעם ציפער פון טויזנט שמירת עינים 'קליקס'!

## צוויי שעה מיט הערמעטיש - פארמאכטע אויגן

הר"ר משה אהרן פלאפף הי"ו דערציילט:

איך וויל אייך מיטטיילן א געוואלדיגע השגחה פון א אינגערמאן וואס האט מיר דאס דערציילט און אנדערש ווי רוב מעשיות היינט, איז דאס נישט קיין מופת, נאר א פשוט'ע השגחה פון א אינגערמאן אינעם היינטיגן דור.

דער אינגערמאן האט געהאט די זכי' צו פארן אויף מקומות הק' אין איירפע, און זייענדיג א לעצט-מינוטיגע זאך, האט ער געדארפט אין איילעניש פארן קיין קאנעקטיקוט מאכן א פאספארט.

דער אינגערמאן זאגט מיר יעצט אז ווען ער ווייסט וועגן פארדעם וויאזוי דאס פלאץ קוקט אויס וואלט ער קיינמאל נישט אהינגעפארן, אבער היות ער האט דאך נישט געוואוסט איז ער געפארן אהין אינדערפרי און געמאכט זיין פאספארט.

דער פראצעדור גייט אז מען פולט אויס אלע פאפירן, מען כאפט דעם בילד און נאך עטליכע שעה קומט מען



צוריק און מען האט דעם פאספארט גרייט.

דער אינגערמאן איז טאקע צוריקגעקומען, אבער דא האט אים אפגעווארט א טאטאלע אנטוישונג: דער פאספארט איז נאכנישט געווען גרייט... און נאך עפעס: מען טאר נישט נוצן קיין טעלעפאן אין דעם גאנצן זאל... בקיצור, פארלוירן.

איך וועל מאכן צוויי שעה גאנץ קורץ. דער אינגערמאן דערציילט מיר אז נישט מער און נישט ווייניגער, ער איז געזיצן גאנצע צוויי שעה אויפן פלאץ מיט פארמאכטע אויגן, פארמאכט כפשוטו!

ווערטער זענען איבעריג. אשרי העם שככה לו.

# א לוי' גאר שפעט ביינאכט

**עס ווערט דערציילט אויף הרב החסיד הישיש ר' משה יעקב ראטטער ז"ל:**

דעם פארלאפענעם זומער איז נפטר געווארן אין בני ברק, א פארצייטישער חסידי'שער איד, הרב החסיד הישיש רבי משה יעקב ראטטער ז"ל, מזקני וחשובי חסידי סאטמאר אין שטאט, אין טיפן עלטער פון 98 יאר

אויף די עלטערע יארן, שוין זייענדיג א בן תשעים, האט ר' משה יעקב זייער שטארק געבעטן פון זיינע קינדער אז אפילו טאמער גייט ער זיין זייער שוואך, זאלן זיי טון וואס מ'קען נאר, אז ער זאל נישט דארפן אנקומען אין שפיטאל.

די סיבה פארוואס ער האט אזוי שטארק מורא געהאט צו גיין אין שפיטאל, האט ער געזאגט, ווייל דארט קומען דאך אריין נורסעס אינעם צימער, וואס דאס קען ברענגען שוועריגקייטן צו אפהיטן די אויגן בקדושה. אזוי אויך וועלן אים די קינדער דארפן קומען באזוכן און ס'קען זיי חלילה שאטן פאר שמירת עינים.

אזוי איז טאקע געווען. די משפחה האט אריינגעלייגט אסאך כוחות און אנשטרענגונג צו ערפילן זיין באגער, אז מ'זאל כמעט נישט דארפן זיין אין שפיטאל דורכאויס די לעצטע תקופה.

מ'רעדט דא פון א איד, נאנט צו הונדערט יאר אלט, וואס האט אבער געהאט איין דאגה, אז ער וויל נישט זיין אין שפיטאל, צוליב א פחד אז דאס קען שאטן פאר שמירת עינים!

ר' משה יעקב ז"ל האט געקויפט א חלקה אין דעם בית החיים פון 'קרית שאול', וואס כדי אנצוקומען אהין פון בני ברק דארף מען דורכפארן פארשידענע גאסן וואו עס וואוינען נישט קיין פרומע אידן. אין זיין לעצטע תקופה האט ער כסדר געפרעגט פון זיינע קינדער: "וויאזוי וועט מען ארויספארן צו דער לוי'?! די גאסן קוקן דאך אויס געפערליך און מ'קען נכשל ווערן אויף'ן וועג מיט שמירת עינים?!"

ס'איז טאקע געווען אינטערעסאנט ווי השי"ת האט צוגעפירט, אז זיין יציאת נשמה איז געווען אנהויב נאכט, און די לוי' איז פארגעקומען עטליכע שעה שפעטער, אין די גאר שפעטע נאכט שעות, ווען די גאסן זענען ממש ליידיג פון מענטשן, אזוי ארום אז ס'איז נתקיים געווארן 'רצון יראיו יעשה'.

אזוי אויך אין זיין צוואה שרייבט ר' משה יעקב ז"ל: "איך בעט פון יעדן פון מיינע קינדער און אייניקלעך שיחי' אז מ'זאל נישט קומען צום בית החיים, נאר דער וואס איז



**מיר זעצן זיך אריין אין דער קאר אויפ'ן וועג ארויס פון עירפארט, און די ערשטע זאך פארט דער זון צו צום נענטסטן גאז סטאנציע צו קויפן וואסער.**

מקבל אויף זיך צו אפהיטן די אויגן בקדושה, פון ווען מ'גייט ארויס פון שטוב ביז מ'קומט אן צוריק אהיים, און נאר איינער וואס ווייסט ביי זיך אז ער קען מקיים זיין די קבלה. אויב נישט, זאל ער נישט קומען."

און נאך א סעיף פון זיין צוואה שרייבט ער: "ביי די ניחום אבלים, אין די שבעה טעג, זאל מען זייער שטארק מקפיד זיין נישט צו זיצן נאר אויף אן אופן און אויף א פלאץ, אז ס'זאל זיין באזונדערע טרעפ פאר די נשים, אז מ'זאל ח"ו נישט צוקומען צו קיין תערובות און צו קיין מכשולות אין שמירת עינים. אויב ס'איז נישט מעגליך דאס צו מאכן אין אונזער הויז, זאלן די נשים זיצן אין אן אנדערע פלאץ לגמרי."

~ ~ ~

א וואונדערליכע אויסדרוק האט מען געהערט פון איס אין די לעצטע יארן, ווען כ"ק אדמו"ר מזוטשקא שליט"א האט אים אמאל געבעטן אז ער זאל זיין אן עד קידושין ביי דער חתונה פון זיינס א קינד, האט ר' משה יעקב זיך פרובירט ארויסצודרייען. אבער ווען דער זוטשקער רבי שליט"א האט אים שטארק מפציר געווען, האט ר' משה יעקב געזאגט אז ער האט מורא אויב ער איז כשר לעדות, ווייל נאכדעם וואס ער האט זיך צוגעוואוינט אגאנץ לעבן מיט א שטארקע זהירות אין שמירת עינים, איז געווארן ביי אים א מציאות אז זיינע אויגן פארמאכן זיך פון זיך אליין ווען ס'קומט אים אונטער א מראה אשה, דעריבער האט ער מורא אז ער וועט נישט קענען זען ריכטיג, כדי צו קענען זיין כשר לעדות.

דער זוטשקער רבי האט אים פרובירט צו זאגן אז דא איז אנדערש ווייל מ'רעדט דאך פון א מצוה, אבער ס'האט גארנישט געהאלפן, ביז מ'האט אים געזאגט אז מ'וועט אנגרייטן נאך אן עדות אויף א ספק, טאמער האט ער נישט געזען וועט יענער קענען מעיד זיין. אצינד האט שוין ר' משה יעקב מסכים געווען.

די חופה איז טאקע אריבער בשלום, אבער גלייך נאכדעם האט ר' משה איבערגעגעבן א קוויטל פאר'ן זוטשקער רבי'ן, וואו ער האט זיך מזכיר געווען: "משה יעקב בן לאה לתשובה שלמה"...

זכר חסידים לברכה

# א שותפות אין די ליידיגע ברילן

**עס דערציילט הבחור א. ש. הי"ו:**

פאראיאר, ווען איך בין געווען אין ישיבה קטנה שיעור ג', איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן מיט א חבר מיינער, אן אנדערער בחור פון אונזער ישיבה, איבער די געוואלדיגע חשיבות פון שמירת עינים. בתוך הדברים האט מיך דער חבר געפרעגט אויב איך טו אויס די גלעזער ווען איך גיי אויפ'ן גאס. האב איך אים געזאגט אז אודאי וואלט איך זייער געוואלט אזוי טון, אבער למעשה שפיר איך א שטיקל (אומריכטיגע) בושה, כאילו יעדער האלט מיט, א.א.וו.

האט מיר דער חבר פארטרויעט אז ער האט זיך געקויפט א 'ברילן פרעים', וואס זעט אויס פונקט ווי זיין געווענליכע גלעזער, נאר ס'איז פשוט א ליידיגע גלאז, און דאס טוט ער אן ווען ער דארף זיך געפינען אויפ'ן גאס.

דאן האט ער מיך געפרעגט וויפיל מיינע גלעזער האבן געקאסט, און ווען כ'האב אים געזאגט די פרייז פון 260 דאלער, האט ער זיך אנגעטראגן צו באצאלן אלע קאסטן פון א פרישע פרעים מיט א גלאז אן קיין נומער, אז כ'זאל קענען גיין דערמיט אין גאס מיט הייליגע אויגן!

ווען כ'האב געזען ווי ערנסט ער האלט דערביי האב איך נישט געוואלט נעמען פון אים דאס גאנצע געלט, און מיר האבן אפגעמאכט אז איך וועל באצאלן איין האלב און ער וועט צאלן די אנדערע האלב.

איך בין אריבערגעגאנגען אין געשעפט צו באשטעלן אזא נייע פרעים. דארט איז נאך צוגעקומען נאך אביסל קאסטן פאר זייטיגע זאכן, אבער מיר האבן זיך געהאלטן

# מי כעמך ישראל

צום 'דיעל'... ער איז אריינגעקומען מיט א האלבע שותפות אין די ברילן, און ב"ה אז פון דעמאלט האב איך די זכי' צו גיין אין גאס מיט א ליידיגע גלאז און מיט אפגעהיטענע אויגן!

דאס איז א ריכטיגע 'מי כעמך ישראל' געשיכטע, וויאזוי א יונג בחור'ל האט אזעלכע השגות צו אהינגעבן פון זיין אייגן געלט כדי צו מזכה זיין א חבר און צו האבן א חלק אין מיין שמירת עינים!

## א קליין קינד אין 'טיר גארטן'

**עס דערציילט הר"ר ב.י. הי"ו פון בית שמש:**

עטליכע וואכן צוריק האב איך געזען אין א גליון א זיסע מעשה'לע איבער א חשוב'ע תלמוד תורה וואס האט אפגעהאלטן אן אויספלוג פאר די כתה א' קינדער וועלכע זענען געפארן צו טיר גארטן, א זאא.

אינמיטן שפאצירן אין דעם טיר גארטן האט דער מלמד באמערקט אז א קליין פינף יעריג קינד באדעקט זיין פנים און ס'קוקט אויס ווי ער וויינט. אבער ווען מען איז צוגעגאנגען צו אים האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס קינד האט פשוט פארדעקט זיינע אויגן ווייל פון דערוויטנס איז געווען אן אומאיידלע בילד. ער איז געווען אזוי מחונך צו טון וואס מ'דארף, ווען ס'קומט אונטער אזא בילד!

כ'בין געווארן זייער איבערגענומען פון דער געשיכטע. מערקווירדיג, אַז ממש עטליכע מינוט דערנאך האב איך זיך אנגעשטויסן אין א נסיון פון שמירת עינים און באלד איז מיר ארויפגעשווימען די מעשה'לע, וויאזוי א פינף יעריג קינד ווייסט וואס צו טון אין אזא מצב, און אויב אזוי, וואס איז מיט מיר, א 'גרויסער' ערוואקסענער מענטש?!

אט דאס האט מיך געגעבן די שטארקייט זיך צו מתגבר זיין מיט הצלחה ב"ה.

## דער באנק מענעדזשער זאגט עדות

**עס דערציילט מוה"ר יואל פרנס פון בארא פארק:**

איך בין אריין אין 'סיטי-באנק' אין בארא פארק - א באנק וואס ווערט באנוצט דורך אסאך אחינו בני ישראל, תושבי בארא פארק - כדי זיך צו באנוצן מיט'ן עי. טי. עם. מאשין. ווי שאקירט בין איך געווארן ווען אינמיטן איז ארויפגעקומען אויפ'ן סקרין א ריזיגער בילד פון א פרוי.

איך האב באשלאסן אז איך דארף עפעס טון דערוועגן, בין איך צוגעגאנגען צו איינע פון די באנק-איינגעשטעלטע און אים בדרכי נועם ערקלערט אז היות רוב פון זיינע קאסטומערס זענען פון אונזער געמיינדע, פאר וועם עס איז נישט אויסגעהאלטן צו קוקן אויף אזעלכע בילדער, זאל מען ביטע אראפנעמען דעם בילד, ווייל עס שטערט זייער פאר די קאסטומערס.

דער איינגעשטעלטער איז אריינגעגאנגען צום באנק-מענעדזשער, וועלכער איז תיכף ארויסגעקומען פון זיין אפיס מיך צו טרעפן. דער מענעדזשער האט זיך שטארק אנטשולדיגט אויף די אומאנגענעמליכקייט, זאגנדיג, "אסאך מענטשן פון ענקער געמיינדע האבן מיר שוין מעורר געווען דערויף, אבער איך האב נישט די מעגליכקייט צו טוישן דעם בילד בעפאר א חודש, וויבאלד לויט די פארשריפטן וואס די אויבערהארן



> אינמיטן שפאצירן אין דעם טיר גארטן האט דער מלמד באמערקט אז א קליין פינף יעריג קינד באדעקט זיין פנים און ס'קוקט אויס ווי ער וויינט.

פונעם נאציאנאלן באנק האבן אוועקגעשטעלט קען מען נישט טוישן די מודעות אויף די מאשינען נאר איינמאל א חודש."

ער האט גלייכצייטיג פארשפראכן אז "ביים ערשטן געלעגנהייט וואס מען וועט קענען, וועט מען עס טוישן."

איך האב געזען פון דעם צוויי זאכן. ערשטנס, לא אלמן ישראל! יא, אפילו אין יאר תשפ"ה אינעם שווער גלות אמעריקע, נאך קרוב צו צוויי טויזנט יאר וואס מיר זענען פארטריבן אין גלות צווישן די גוים, זענען נאך דא אזויפיל אידן וועלכע פרובירן זיך צו האלטן ערליך און אפגעהיטן.

והשנית, מען דארף נישט מורא האבן פון בעטן דעם גוי אז ער זאל זיך רעכענען מיט אונז. ווילאנג מען רעדט נארמאל און ארנטליך, און מען קלערט אים אויף אז עס לוינט זיך פאר זיין ביזנעס, וועט אפילו דער גוי זיך צושטעלן.

השי"ת זאל העלפן איר זאלט ווייטער האבן הצלחה אין די עבודת הקודש, און עס זאל שוין נתעורר ווערן דעם "מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ".

## געבליבן דאָרשטיג כמעט 24 שעה

**עס דערציילט מוה"ר נחמן ד. פון בני ברק:**

איך האב לעצטנס געדארפט פארן פון ארץ ישראל קיין אמעריקע. אנקומענדיג אין דעם עירפארט האב איך דארט געזען מיינס א באקאנטער איד, וואס איז נישט קיין גרויסער רב אדער ראש ישיבה, אן איינפאכער איד, ווי מ'זאגט, אבער צו מיין שטוינונג איז ער געווען אנגעטון מיט 'זון גלעזער', כדי צו האלטן זיינע אויגן באשיצט פון ראיות אסורות אין עירפארט!

דאס אליין איז מיר געווען א גרויסער מוסר השכל, וויאזוי א איד לייגט אוועק די בושה און טוט וואס איז ריכטיג אן קיין חשבונות.

אבער די מעשה איז נאכנישט פארטיג. אנקומענדיג אין אמעריקע זענען זיינע קינדער אים געקומען אויפפיקן פון עירפארט. און איך האב אפגעשמועסט אז כ'וועל אויך מיטפארן מיט דעם קאר אין שטאט אריין.

מיר זעצן זיך אריין אין דער קאר אויפ'ן וועג ארויס פון עירפארט, און די ערשטע זאך פארט דער זון צו צום נענטסטן גאז סטאנציע צו קויפן וואסער. דער זון האט מיך שפעטער ערקלערט אז ער גייט קויפן וואסער פאר זיין פאטער, ווייל זיין טאטע האט זיך געמאכט א גדר אז אנגעהויבן פון א נאכט איידער ער פארט אויף א פליגער, טרונקט ער נישט קיין וואסער, כדי אז ער זאל זיך נישט דארפן אויפשטעלן אינמיטן וועג צו ארויסגיין, ווען מען דארף אדורך גיין די מענטשן אויפ'ן פליגער.

דאס הייסט אז דער איד טרונקט נישט קיין שלינג וואסער במשך די גאנצע צייט, פון א נאכט בעפאר, ביז נאכ'ן אראפקומען פון דעם פליגער! ווייל ער וויל בלייבן הייליג און זיך נישט דארפן אנשטויסן אין נסיונות!

איבריג צו באטאנען ווי שטארק דאס האט מיך אויפגעשאקלט, זעענדיג וויאזוי היינטיגע צייטן זענען נאך פארהאן אזעלכע אידן וואס זענען זיך פשוט מקריב און רייסן פון זיך שטיקער, כדי צו זיין נזהר אין שמירת עינים. אשרי חלקם ויהי' חלקינו עמהם!

צו מטייל'ן אייער "מי כעמך" אויפפאסונג
רופט 845.999.4114 עקס. 1-2



# אין די שרעקליכע היצן מיט'ן טערקישן טלית

אין וויליאמסבורג אין מיט עטליכע וואכן צוריק נפטר געווארן האי חסידא ופרישא, עובד ה' מנעוריו במסירת נפש, **הרה"צ רבי שמעון יושע באנדא ז"ל**, וואס זיין גאנץ לעבן איז געווען א קייט פון אויסטערלישע עבודת ה', כחד מחסידי קמאי ממש.

ר' יושע איז געווען א שם דבר מיט זיין דערהויבענע קדושה און פרישות אויף יעדן טריט און שריט. באזונדער האט מען געזען ביי אים א גרויסע עבודה מיט זיין זעלטענע זהירות אין שמירת עינים. יעדעס מאל וואס ער איז נאר ארויסגעטרעטן אויף דער גאס איז דאס געווען מיט א געוואלדיגע פחד אלקים. ער האט ממש געציטערט פאר שרעק און ער איז געווען אפגעהיטן מיט א מורא'דיגע יראת שמים אויף די אויגן.

עס דערציילט אן עד ראי' וואס ער האט אליין בייגעוואוינט:

מיט עטליכע יאר צוריק, שבועות נאכמיטאג, בין איך געגאנגען אינאיינעם מיט מיין יונגל אויף בעדפארד עוועניו אין וויליאמסבורג. ס'איז געווען גאר א הייסע טאג, ווען פלוצים זע איך ווי ביי א זייט שטייט ר' יושע ז"ל, איבערגעבויגן מיט'ן טערקישן טלית, גענצליך אויסגעדרייט צו דעם וואנט, און ער ווארט. ער גייט נישט אהיים, בשעת עס רינט פון אים גרויסע טראפנס שווייס...



> פלוצים זע איך ווי ביי א זייט שטייט ר' יושע ז"ל, איבערגעבויגן מיט'ן טערקישן טלית. גענצליך אויסגעדרייט צו דעם וואנט. און ער ווארט. ער גייט נישט אהיים. בשעת עס רינט פון אים גרויסע טראפנס שווייס...

קענענדיג אביסל דעם געהויבענעם איש חסיד, האב איך באלד צאמגעשטעלט וואס דא גייט פאר: ר' יושע האט זיך געטראפן אויפ'ן גאס אין דער צייט ווען אסאך נשים דרייען זיך. ער האט דעריבער פשוט נישט געקענט פארזעצן צו גיין זיין וועג ווייטער. די איינציגע ברירה איז אים געבליבן, צו שטיין אונטער די הייסע זון און ווארטן מיט מסירת נפש, ביז ס'וועט אים ערמעגליכט ווערן אהיימצוגיין אן קיין פראבלעמען פון שמירת עינים.

כדי צו בעסער פארשטיין די סיטואציע:

מען האלט אצינד שבועות פיר אזייגער נאכמיטאג. ר' יושע איז יעצט אהיימגעקומען פון זיין יום טוב'דיגע עבודת התפלה, וואס האט געדויערט שעות ארוכות מיט א געוואלדיגן פלאם און מיט אלע זיינע כוחות הגוף והנפש. בנוסף דערצו האט ר' יושע געהאט א קפידא ניטאמאל צו טרונקן א קאווע פאר'ן דאווענען. דאס הייסט אז ער האלט אצינד נאך זיין שעות - לאנגע עבודה, און ער האט נאך גארנישט טועם געווען פון אינדערפרי!

אבער ר' יושע שטייט דא איבערגעבויגן מיט זיין דיקן טערקישן טלית, בשעת די זון באקט און בראט, און עמערס וואסער גיסט זיך פון אים. ער קען פשוט נישט גיין קיין טריט ווייטער, ווייל עס דרייען זיך פרויען אויף דער גאס!

בין איך צוגעגאנגען צו אים און געזאגט: 'רבי יושע, איך קען אייך אהיימטראגן'. אויף דעם האט ער שוין מסכים געווען. איך האב אים אנגעכאפט ביי דער האנט, און ער האט צוגעמאכט די אויגן און אזוי האב איך אים געהאט די זכי' צו באגלייטן ביז זיין שטוב.

כ'קען אייך מעיד זיין אז אנקומענדיג האט דער איד געהאלטן ממש ביי 'אפיסת הכוחות'. ס'האט אויסגעקוקט ווי מ'דארף רופן 'הצלה' נאכדעם וואס ער איז געווען ממש דורכגעווייקט נאס שטייענדיג אזוי אונטער די היצן, אן טועם זיין גארנישט. אבער דאס איז אונז געווען א הייליגער לימוד, וויאזוי מ'דארף מורא האבן פון א ראי' אסורה.

א צייט שפעטער האב איך גערעדט מיט מיין יונגל, איבער ערליכע אידן אין אונזער דור. זאגט מיר מיין יונגל אז ר' יושע באנדא איז אן ערליכער איד... ווייל ער האט געזען זיין מורא'דיגע שמירת עינים יענעם יו"ט נאכמיטאג! הפנים, אז דאס פארכטיג בילד, וויאזוי אן אפגעהיטענער איד פירט זיך אויף דער גאס, איז געווארן טיף איינגעקריצט אפילו אין דעם קינד'ס מח, צו פארשטיין דעם באדייט פון אן אמת'ן ערליכן איד. יהא זכרו ברוך.

◆ ◆ ◆

נאך ווערט פארציילט אויף הרה"צ ר' שמעון יושע ז"ל (מובא בגליון זקיניך ויאמרו לך):

שוין אין זיינע יונגע יארן האט מען געזען ביי אים אן אויסטערלישע זהירות אין אלע ענינים פון קדושה והנהגות טהרה, וואס ער האט אנגעהאלטן אלע זיינע יארן.

בימי השבעה האבן בניו ויוצ"ח דערציילט בשם זיין מאמע ע"ה, אז אלס צען יעריג קינד איז ער געווען אין שפיטאל ווייל מ'האט אים געדארפט ארויסנעמען די מאנדלען. אין יענע יארן פלעגט מען דארפן בלייבן עטליכע טעג אין שפיטאל. די מאמע האט אבער געמוזט אהיימגיין צו די אנדערע קינדער, האט זי אים בלית ברירה געלאזט אליין אין שפיטאל.

נאך א טאג זעט די מאמע אז דער קליינער 'יושע'לע' איז אינדערהיים. פרעגט זי אים "וואס טוסטו דא?", זאגט ער "מ'האט אריינגעברענגט א מיידל אין מיין צימער, איך האב נישט געקענט דארט בלייבן האב איך געמאכט פליטה"... מיט אט די קדושה האט ער געלעבט עד יומו האחרון.

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# הלכות התרחקות מנשים

## וואס טרעפט זיך אין די ימי החנוכה

### להתרחק מהנשים מאוד מאוד

**א.** עס ווערט גע'פסק'נט אין **שלחן ערוך**[א]: "**צריך אדם להתרחק מהנשים מאוד מאוד**" - א מענטש דארף זיך דערווייטערן פון פרעמדע פרויען גאר, גאר שטארק.

די **פוסקים**[ב] מערקן אן אז כאטש וואס געווענליך שטייט נישט אין שלחן ערוך אזא לשון, "מאוד מאוד", דא אבער, ביי התרחקות פון עריות, שרייבט דער מחבר דעם זעלטענעם אויסדרוק, וויבאלד ס'איז דא אויף דעם זייער שטארקן יצר הרע, דעריבער דארף מען זיך דערווייטערן ביי דעם דאס מערסטע וואס איז שייך.

### קרובי משפחה / שוועגערינ'ס / קאזינס

**ב.** אלע הלכות פון התרחקות מנשים גייט אן אפילו ביי די אייגענע קרובים, ווי א שוועגערין, קאזין, אד"ג, וויבאלד על פי הלכה ווערן זיי פאררעכנט ווי פרעמדע נשים. די איינציגע קרובים וואס זענען אנדערש זענען א מאמע, א באבע, א שוועסטער[ג], א טאכטער, און אן אייניקל[ד].

**ג.** דער **חיי אדם** שרייבט[ה] אויפ'ן ענין פון התרחקות ביי קרובים: "ס'זענען דא אסאך מענטשן וואס מיינען אז ווי נענטער מ'איז צו א פרוי, אלץ מער קען מען מקיל זיין אין די הלכות, ס'איז אבער ח"ו נישט אזוי; אדרבה, ווי נענטער מ'איז אלץ מער דארף מען זיך דערווייטערן פון איר, און כל שכן אויב איז מען היימיש מיט איר. און ס'איז א מצוה דאס מפרסם צו זיין פאר'ן המון עם.

### שחוק וקלות ראש

**ד.** חכמינו ז"ל האבן גע'אסר'ט פארשידענע זאכן אין כלל פון התרחקות מנשים. איינע פון די זאכן וואס ווערן אויסגערעכנט אין **שלחן ערוך**[ו] איז "**שחוק וקלות ראש**", דאס מיינט אז מ'טאר נישט ארומלאכן אדער זיך אויפפירן לייכטזיניג אינאיינעם מיט א פרעמדע פרוי.

### שפילן א געים

**ה.** שפילן א געים גייט אויך אריין אינעם כלל פון שחוק וקלות ראש[ז], דעריבער טאר מען נישט שפילן ביי א חנוכה מסיבה מענער און פרויען אינאיינעם.

### ווינקען / שמייכלען / צייגן מיט די האנט

**ו.** נאך אז זאך וואס חז"ל האבן גע'אסר'ט איז "**קריצה ורמיזה**", דאס מיינט אז מ'טאר זיך נישט ווינקען מיט א פרעמדע פרוי אויף א וועג וואס דריקט אויס פריינטשאפט אויף סיי וועלכן אופן, ווי בלינקען מיט די אויגן, שמייכלען צווישן זיך, צייגן מיט דער האנט, אד"ג.[ח]

### מאכן א מחיצה

**ז.** אויף א פלאץ וואו ס'קומען זיך צוזאם מערערע מענער מיט פרעמדע פרויען אינאיינעם, איז מען מחויב על פי הלכה צו לייגן א מחיצה וואס זאל אפטיילן צווישן זיי.[ט]

### יעדע זאך וואס ברענגט צו א הרהור

**ח.** כאטש וואס אין חז"ל און אין שלחן ערוך ווערן אויסגערעכנט פארשידענע זאכן אלס התרחקות מנשים, שרייבן די פוסקים אז יעדער מענטש ווען ער ווייסט ביי זיך אויף א געוויסער זאך אז דאס קען אים ברענגען צו הרהורים, אדער צו נאנטקייט, איז ער מחויב זיך צו דערווייטערן דערפון, ווייל מ'קען נישט אויסרעכענען אלעס, דעריבער האבן חכמינו ז"ל אויסגערעכנט א חלק פון די הרחקות וואס מ'דארף מאכן, און אויסער דעם דארף יעדער וויסן ביי זיך וואס ס'ברענגט אים שלעכטע מחשבות און זיך דערווייטערן דערפון.[י]

---

**א. שלחן ערוך** אבה"ע (סי' כא ס"א).

**ב. בית שמואל** (שם סק"א) "לפי שנפשו של אדם מחמדתן לכך כתב מאוד מאוד". וכ"כ ביפה לבב (ח"ה סי' כא שם).

**ג.** מלבד חיו"נ שזה אסור גם באחותו, כמבואר **בשו"ע** (שם ס"ז), ודין קול באשה יבואר במקום אחר בס"ד.

**ד. שלחן ערוך** אבה"ע (שם ס"ז), **לבוש** (אבה"ע שם). וז"ל **ברכי יוסף מחזיק ברכה** (או"ח סי' תר"ג סק"א), "כל אשה שהיא אסורה עליו אסור בה ככל הנשים, וחוץ מאחותו ואמו ובתו כולם שוות באיסור". וכ"כ ב**הגהות היעב"ץ** (מגילה לא:): "מה שביטלו אנשי כנסת הגדולה יצרא דעריות במקצת, לא אהני אלא לקריתביה, דהיינו אמו ואחותו ובתו ודכוותיהו, דמשום קורבה דידיה, ואכתי איכא אשת איש, חמותו וכלתו ואחות אשתו דלא נתבטל היצה"ר".

**ה. חכמת אדם** (כלל קכה ס"א): "לפי שראיתי ושמעתי מהרבה בני אדם שהם עם הארצים וחושבים שכל הקרוב יותר מותר וכו', כאילו היא אשתו, וחס ושלום, ומצוה לפרסם, דאדרבה כל הקרוב קרוב יותר צריך להתרחק וכו', ולכן צריך האדם ליזהר מאד ומכל שכן מאלו שלבו גס בהן", עכ"ל.

**ו. שלחן ערוך** (שם): "ואסור לשחק עמה להקל ראשו כנגדה". ומקור הדין הוא ממשנה ד**אבות** (פ"ג מי"ג) "שחוק וקלות ראש מרגילין לערוה" (כן ציין ב**הגהות הגר"א**), וכתב שם ה**רבינו יונה**: "אבל כובד ראש ויראה הם סייג לעריות". ועיין בספר **לבושה של תורה** (פאלק, סימן עט אות ג-ד) שדן דהא לכאורה גם בלא נשים אסור שחוק וקלות ראש, כמבואר ב**אבות** (שם), ומאי שנה כאן. ותירץ דבנשים החמירו יותר שאפילו בסוגי שחוק וקלות ראש שבעלמא מותר, כגון שחוק מיעוט שאינו ממלא פיו שחוק, או קלות ראש מיעוט, כגון ששוכב על הסאפע וכדומה, בכל זה אסור כשהוא בפני הערוה.

**ז. ערוך השלחן** (אבה"ע סי' כב אות י"ח): "לפיכך ראוי לו לאדם לכוף יצרו בדבר זה ולהרגיל עצמו בקדושה יתירה ובמחשבה טהורה ובדעה נכונה כדי להינצל מהן. ויזהר מן היחוד שהוא הגורם הגדול, וכל שכן מהטיול עם הנשים ומלשחוק עמהם בקוביא". וכן מבואר ב**שיעורי שבט הלוי** (יו"ד סי' קצה ס"ב), דלשחוק געי"ם הוא בכלל שחוק וקלות ראש.

**ח. שלחן ערוך** (אבה"ע שם): "ואסור לקרוץ בידיו או ברגליו ולרמוז בעיניו לאחד מהעריות". ומה שכתבנו שגם שמייכלען בכלל קריצה, כ"כ ב**ישראל קדושים** (פרק בדיני התרחקות מנשים). וקריצה ורמיזה שהוא לצורך דבר מסיום ולא בדרך חיבה וקירבה, מצדד **בשו"ת באר משה** (ח"ד ס"ו אות ו) להיתר, וזה לשונו: "הא דאסור לקרוץ בידיו ורגליו ולרמוז בעיניו היינו אם עושה זה בדרך חיבה, אבל בלאו הכי אם מרמז לה לדבר חול סתם שלא בדרך אהבה, בודאי לא אסרי לכולי עלמא לא מדאורייתא ואפשר גם לא מדרבנן", עכ"ל ועיי"ש עוד. וכבר מצינו כזה ב**פירוש המשניות להרמב"ם** (סנהדרין פרק ז') וז"ל: "והקריצה בעין במתכוין להנאת כל זה אסור וכו'", עכ"ל. הרי שאין האיסור אלא במתכוין להנאה.

**ט. גמרא קידושין** (פא.), **סוכה** (נא:), **שלחן ערוך** או"ח (סי' תקכ"ט ס"ד) "לא יתקבצו לאכול ולשתות אנשים ונשים ויבואו לידי עבירה, וכן יזהרו בדבר זה לכן העם כדי שלא יתערבו אנשים ונשים בבתיהם לשמחה". ועיין ב**שו"ת מקדש ישראל** (חנוכה סי' ט') שהאריך לבאר כיצד יש להתנהג בדיני מחיצה אצל מסיבת חנוכה שהסבא עורך לכל משפחתו. וע"ע מזה ב**שו"ת דברי יואל** (סי' י'), **שו"ת שבט הלוי** (ח"א סי' כט וח"ח סי' רפא), ובמכתב המובא בספר **מעשה איש** (ח"ד עמ' קכד).

**י. ספר החינוך** (מצוה קפח): "כלל הדבר הוא שלא יעשה שום דבר בעולם המביאו לידי הרהור בנשים, לא במעשה ולא בדיבור ולא שום רמז לקרב דעת האשה הקלה אל דעתו וכו'. ואין באפשר להגיד פרטי הענינים שידע האדם לעשות לקרב אליו דעת האשה שהוא קל, ולכן הזהירו ז"ל מהם קצת, ובשאר יזהר כל אחד ואחד לשמור עצמו לפי מה שימצא את גופו, כי ה' יראה ללבב", עכ"ל.

## ווי קען מען דעם באר היטב?!

דער הערליכע סעריע פון "תורה תבלין" איז עפעס געוועזן אויסטערליש, איך האב זייער אסאך געלערנט דערפון. ס'איז זייער שיין ערקלערט געווארן די ריכטיגע צוגאנג וויאזוי מ'דארף לערנען מיט יראת שמים כדי אז די תורה זאל געבן די כוחות פאר א איד קעגן דעם יצר הרע. איך וויל מוסיף זיין א שטארקע מעשה איבער דעם.

דער קראַסנער רב, הגה"צ רבי **הילל ליכטנשטיין** זצ"ל, פאַרציילט, אין דער הקדמה צו זיין ספר **כוונת הלב** (פ' בחוקותי), אַן עובדא נוראה, וואָס ער האָט געהערט פון זיין פאָטער, דער קראַסנער רב הגה"צ רבי **ברוך בענדיט** זצ"ל הי"ד, וואָס ער האָט דאָס מיטגעהאַלטן זייענדיג אויף שב"ק ביים הייליגן **בעלזער רב**, הרה"ק רבי יהושע'לע זצ"ל. דער קראַסנער רב שרייבט אַז זיין פאָטער ר' ברוך בענדיט פלעגט איבערזאָגן די מעשה כאָטש איינמאָל אין יעדע 2-3 חדשים ביי סעודה שלישית.

אַמאָל איז הגה"צ רבי ברוך בענדיט זצ"ל געווען אויף שב"ק פּרשת בחוקותי אין בעלזא, און ביי סעודה שלישית איז דאָרט געזיצן אַ גרויסער קיבוץ פון חשוב'ע תלמידי חכמים, און פילע רבנים פון גאַליציע און אונגאַרן. אויך דער חוסטער רב, הגאון הצדיק רבי משה גרינוואַלד זצ"ל, בעל ערוגת הבושם, איז דאָרט געווען.

בשעת זיי זענען געזיצן ביים טיש, איידער דער בעלזער רב איז אַריינגעקומען, איז פּלוצלינג אַרויפגעפאַלן אויף יעדן אַ טיפע הרגש צו מהרהר זיין בתשובה. הגה"צ רבי ברוך בענדיט זצ"ל האָט פאַרציילט אַז ער האָט זיך ממש נישט געקענט איינהאַלטן פון וויינען און לאָזן טרערן מאין הפוגות, און ער האָט זיך געשעמט פון די אַנדערע וועלכע זיצן דאָרט, אָבער שפּעטער האָט ער באַמערקט אַז אַלע מסובים וויינען אויך. זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס דאָס איז.

פּלוצלינג איז אַריינגעקומען צום טיש דער הייליגער בעלזער רב זצ"ל, ער האָט אַראָפּגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און אָנגעהויבן זאָגן תורה, און ער האָט געזאָגט בלשונו הק': "**רבנים, לומדי תורה, יונגעלייט תלמידי חכמים, לומדים גמרא תוספות, שולחן ערוך, מען איז מחדש חידושי תורה, מען פאַרענטפערט דעם רמב"ם - אָבער ווי קען מען דעם באר היטב?!**", און אַזוי האָט איבערגע'חזר'ט מערערע מאָל 'ווי קען מען דעם באר היטב, ווי קען מען דעם באר היטב', מיט אַ גרויסע רגש און אַ מורא'דיגע התעוררות.

דערנאָך האָט דער בעלזער רב מפרש געווען זיינע ווערטער, אַז דער **באר היטב** זאָגט אין הלכות תענית (סימן תקע"א אות א') אַז אַלע מצוות מעשים טובים וואָס אַ מענטש טוט, און די תורה וואָס ער לערנט, ווילאַנג ער איז נאָך אַ רשע, איז ער בעוה"ר מוסיף אַ כח פאר די קליפּות, ביז ער וועט תשובה טון וואָס דאָס ציט אַרויס פון די קליפּה.

הרה"ק מבעלזא זצ"ל האָט דערביי שטאַרק מוכיח געווען אויף דעם קלקול פון מדת יסוד, וואָס איז דער שורש פון אַלע חטאים, רח"ל, און ער האָט געזאָגט בזה הלשון: "**וואָס זאָל מען טון, זאָל מען יאָ לערנען גייט עס דאָך צום סטרא אחרא רח"ל, זאָל מען נישט לערנען איז אויך שלעכט און ביטער, ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה נאר צו תשובה טון פאַר'ן לערנען אויף די חטאת נעורים און נאָכדעם וועלן מיר קענען לערנען תורה**". און ער האָט מיט דעם יסוד געזאָגט תורה אויף די פּסוקים פון דער פּרשה.

בשעת דער בעלזער רב האָט דאָס געזאָגט האָט דער גאַנצער ציבור אויסגעבראָכן אין אַ געוואַלדיגע געוויין מיט אַ גרויסע התעוררות. דעמאָלט האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז די הרהורי תשובה וואָס זיי האָבן געהאַט נאָך בעפאָר דער בעלזער רב איז אַריינגעקומען צום טיש איז געווען וויבאַלד ער האָט דעמאָלט זיך מסדר געווען די הייליגע דיבורים, און די נאָנטע צו אים האָבן דאָס שוין דעמאָלט מרגיש געווען.

## באַדאַנקט זיך פאַר'ן מעלדן איבער 'לב להאזין'

איך וואָלט זיך זייער שטאַרק געוואָלט באַדאַנקן פאַר'ן אַריינשטעלן די מודעה וועגן די 'לב להאזין' טעלעפאָן ליניע, וואָס איז געאייגנט אַרויסצוהעלפן און באַגלייטן בחורים, וועלכע קענען דאָרט באַקומען חיזוק והדרכה אויף אַ פּערזענליכן אופן, צו שטייגן ביראת שמים ויראת חטא.

בדידי הוי עובדא, איך בין אַ בחור וואָס האָב געדאַרפט פאָרן מיט אַ נסיעה דורך אן עיר פאָרט און וויסנדיג מיינע שוואַכקייטן בין איך געווען באַזאָרגט, וויאַזוי גיי איך דורכמאַכן אַזאַ עירפארט מיט ריינע הייליגע אויגן. פּונקט האָב איך געזען די מודעה פון 'לב להאזין' און כ'האָב געקלערט אַז אפשר דאָרט איז די פּאַסיגע אַדרעס צו באַקומען באַגלייטונג בעפאָר דעם וועג.

אומר ועושה, כ'האָב טאקע אַריינגערופן און גערעדט צו אַ חשוב'ער מדריך, וואָס האָט מיך געגעבן נויטיגע אָנווייזונגען, התחזקות און הדרכה ישרה, וויאַזוי דורכצוגיין דעם עירפארט אָן קיין שוועריגקייטן. ער האָט מיך אפילו צוגעלייגט אַז כ'זאָל אים צוריקרופן נאָך דער נסיעה צו פאַרציילן וויאַזוי ס'איז אַריבער. און ב"ה אַז אַדאַנק די פּראַקטישע און ערליכע ווערטער איז עס טאַקע געווען אן אָפּגעהיטענע און הייליגע רייזע.

זייט ממשיך מיט דער עבודת הקודש, און אַ באַזונדערן יישר כח פאַר'ן אַריינשטעלן די אינפאָרמאַציע וועגן 'לב להאזין' וואָס איז געווען אַ געוואַלדיגע הילף פאר מיך און ס'איז זיכער אויך אַ הילף פאר נאָך אַסאַך בחורים וואָס שטרעבן צו זיין נאָנט צום אויבערשטן, בסור מרע ועשה טוב.

*(-) מאָנסי ניו יאָרק*


צו ווערן א מזכה אדער פאר סיי וועלכע נדבה
רופט 845.999.4114 עקס. 1-1
**כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו!**



טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך
845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג
7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org
המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בלשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528
המערכת בענגליש: 732.532.2242
המערכת בספאניש: 054.115.219.8810
לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל 07421307356
אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין
#1-3 845.999.4114


## על הטוב יזכר

**זכות 2000 גליונות**

הר"ר **יואל גאטליעב** שליט"א - לברכה והצלחה לכבוד חנוכה לגמר חתימה טובה לבריאות השלימות ורב נחת

**זכות 1000 גליונות**

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו / הר"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו / הר"ר **מאיר יודא טייטלבוים** הי"ו - לזכות החתן **אלכסנדר יו"ט ליפא** בן **סלאוווא יהודית** והכלה **ניחא נעכא ליבא** בת **מרים יטל יהודית** ולכל משפחתו לדורות ישרים ומבורכים / לזכות **משה דוד** בן **בריינדל** ולזכות **פרידא** בת **רבקה** לאורך ימים ושנים טובים / לזכות **יהושע** בן **נעכא ליבא** ולזכות **בילא** בת **אסתר מלכה** לרפואה שלימה / לזכות **אלעזר ארי'** בן **בילא** ולזכות **אלעזר ארי'** בת **גדא טבא** לזיווג הגון בקרוב / לזכות **אליעזר חיים** בן **מרים יטל** להצלחה בתורה וביראת שמים



שטראלן פונעם אור הגנוז, חנוכה תשפ״ה

# קען מיין לימוד התורה באשיצן מיינע אויגן?

לכבוד חנוכה איז ערשינען דער וואונדערבארער קונטרס




א ספעציעלע סעריע פון **פרקי מחשבה** איבער די עצה וואס **חכמינו ז״ל** געבן אונז **״בראתי יצר הרע בראתי תבלין כנגדו״** צו פארשטיין **וויאזוי דאס ארבעט**, די יסודות און הדרכה וואס צדיקי הדורות האבן געלערנט **וויאזוי צוצוגיין צו דעם למעשה**, און וויאזוי **יעדער איד** קען נוצן **זיין תורה** אים צו באגלייטן קעגן **זיינע נסיונות.**

## צו באקומען בחנם דא אין ביהמ״ד

במשך ימי החנוכה

נעמט דעם פרישן אור וואס וועט באלייכטן אייערע אויגן!

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

NUAH 845.513.0001